# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת וירא תשפ"ד שנה י | גליון מס' 506



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## נישט דערמאנען די נאמען פון דעם קראנקן

**"וַיֵּרָא אֵלָיו ה' בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא וְהוּא יֹשֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל כְּחֹם הַיּוֹם"** (יח א)

רש"י טייטש (ע"פ סוטה יד א) אז הקב"ה האט זיך באוויזן צו אברהם אין דעם דריטן טאג פון זיין ברית, כדי אים באזוכן ווען ער איז געווען קראנק. לכאורה ווי איז מרומז אין פסוק אז די באזוך איז געווען צוליב ביקור חולים?

ערקלערט רבי שמריה זלמן פון לייפניק:

די קדמונים זאגן אז דער וואס גייט באזוכן א קראנקן זאל נישט דערמאנען זיין נאמען, "טאמער עס איז נגזר געווארן אויף דער נאמען צו שטארבן" (ראה זוה"ק נח סט ב, וראה עוד ברכות לד א וב'עיון יעקב' שם). און דערפאר זאגן די חכמים (ר"ה טז ב) אז טוישן א נאמען פון א קראנקן צורייסט זיין שלעכטן גזר דין. לויט דעם קען מען זאגן אז פון דעם וואס די נאמען פון אברהם ווערט נישט דערמאנט אין פסוק, לערנען מיר אז הקב"ה האט זיך באוויזן צו אברהם כדי אים באזוכן ווען ער איז קראנק געווען.

'נחלת יעקב - אבני שוהם' [אמשטרדאם תפ"ד]

אבני שוהם אות י

## אויף וועמען האט אברהם געדאוונט

**"וַיִּגַּשׁ אַבְרָהָם וַיֹּאמַר הַאַף תִּסְפֶּה צַדִּיק עִם רָשָׁע; אוּלַי יֵשׁ חֲמִשִּׁים צַדִּיקִם בְּתוֹךְ הָעִיר הַאַף תִּסְפֶּה וְלֹא תִשָּׂא לַמָּקוֹם לְמַעַן חֲמִשִּׁים הַצַּדִּיקִם אֲשֶׁר בְּקִרְבָּהּ"** (יח כג-כד)

אברהם אבינו הייבט אן מיט א קליינע בקשה, אז די צדיקים פון סדום זאלן נישט שטארבן צוזאמען מיט אירע רשעים, און נאר נאכדעם האט ער געבעהטן אז די זכות פון די צדיקים זאל באשיצן אויף די רשעים. פארוואס?

ערקלערט דער 'כתב סופר':

אברהם אבינו האט געוואוסט אז אויב ער וועט דערמאנען די צדיקים אין זיין תפילה, וועט נישט העלפן זיין תפילה נאר פאר זיי, ווייל מיר האבן דאך דעם כלל: 'תפילה עושה מחצה' (ויק"ר י ה). דערפאר האט ער פריער געזאגט: "הַאַף תִּסְפֶּה צַדִּיק עִם רָשָׁע", ד.מ.: אויף די צדיקים דארף איך נישט דאווענען, ווייל זייער זכות איז גענוג אויף זיי. און מיין תפילה איז נאר אויף די רשעים פון סדום, אז זיי זאלן אויך געראטעוועט ווערן אין זכות פון די צדיקים.

'כתב סופר'

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## 'אמן' איז בגימטריה 'יהלום'

אונזערע חכמים זכרונם לברכה זאגן (ב"ב טז ב): "אבן טובה היתה תלויה בצווארו של אברהם אבינו, שכל חולה הרואה אותה מיד מתרפא". אסאך פירושים זענען געזאגט געווארן אויף דער מאמר, און איך האב געטראכט טייטשן אז די "אבן טובה" איז מרמז אויף ענטפערן אמן.

ענטפערן אמן איז די תמצית פון די אמונה וואס אברהם אבינו האט איבערגעגעבן פאר אלע דורות. ער איז דאך דער וואס האט פארשפרייט די אמונה אין בורא עולם און האט זיך אויך מוסר נפש געווען אויף דעם. ענטפערן אמן איז דער דימאנט וואס איז געהאנגען ארום זיין האלדז, און דער פאקט אז 'אמן' איז בגימטריה 'יהלום' איז א ראיה אויף דעם.

און אזוי איז עס טאקע. 'אמן' איז די גוטע שטיין, וואס עפנט פארן מענטש די טויערן פון רפואה. אסאך ערציילונגען פון ישועות שטראמען צו אונז א גאנצע צייט פון מענטשן וואס זאגן עדות אז זייער התחזקות אין ענטפערן אמן האט זיי געברענגט די ישועה און רפואה אין פארשידענע מצבים.

עס איז באקאנט וואס די קדמונים זאגן אז די גאולה האלט זיך אפ ווייל מען ענטפערט נישט אמן אויף די ברכות פון די גאולה ('דרך משה' ליום י"א). אויף דער וועג קען מען זאגן אז די נאכגעלאזנקייט פון צו ענטפערן אויף די ברכות פון רפואה, האלט צוריק עס זאל זיך נישט עפענען די טויערן פון רפואה פאר די מענטשן.

די ברכות הרפואה זענען נישט דווקא נאר 'אשר יצר' און 'רפאנו', ווייל אין אסאך פון די ברכות השחר לויבן מיר דעם אויבערשטן אויף די חסד וואס ער טוהט מיט אונז ווען ער באנייט יעדן טאג די שטענדיגע געזונט פון אונזער קערפער. אזוי אז ביי "פוקח עורים" לויבן מיר אויף די ליכטיגקייט פון די אויגן, ביי "מתיר אסורים" אויף די מעגליכקייט רוקן אונזערע גלידער לויט אונזער ווילן, און אזוי ווייטער יעדע ברכה און איר ענין.

לויט דעם איז נישט קיין ספק אז אויף ענטפערן אמן יעדן אינדערפרי אויף די 'ברכות השחר' איז פאסיג די נאמען: "אבן טובה", ווייל יעדער וואס געבט אכטונג אויף דעם יעדן טאג, אויסער וואס "מיד מתרפא", ווערט ער אויך אפגעהיטן פון יעדע קראנקהייט.

אויך פון אונזער פרשה קען מען ברענגען א שיינעם רמז אויף די כח פון ענטפערן אמן צו ברענגען א רפואה פאר א מענטש. אויפן פסוק (יח א): "וירא אליו ה' באלני ממרא", ערקלערט רש"י אז די ציל פון די באזוך איז געווען: "לבקר את החולה". ווען מיר וועלן אויסרעכנען וועלן מיר זעהן אז 'אלני' - איז בגימטריה 'אמן'. און 'ממרא' - איז בגימטריה 'רפא', אונז צו לערנען אז ענטפערן אמן ברענגט די רפואה פארן קראנקן.

דעם וואונדערליכן רמז האב איך געהערט פון האדמו"ר מבריזדאוויץ שליט"א, וואס אין זיין בית המדרש אין בארא פארק האב איך זוכה געווען קובע זיין מיין מקום תפילה, וואו דארט האב איך די זכיה ענטפערן יעדן אינדערפרי אמן אויף די ברכות השחר פון אסאך מתפללים.

מיט א רוף פון "**א-ל מלך רופא נאמן** ורחמן אתה"

א גוט שבת

יעקב דוב מארמארשטיין

# — א שידוך פון הימל —

אין די באקאנטע שטעטל מיר, האט געוואוינט א קלוגע און ערליכע מיידל, וואס אין איר יונגן עלטער איז זי געווארן א יתומה פון איר פאטער און איז געצווינגען געווען ארויסגיין צו די ארבעט כדי זי זאל קענען שפייזן איר מאמע מיט אירע יונגערע ברידער. איר מאגערע געהאלט האט זי בעיקר געווידמעט צו שפייזן איר משפחה, אבער אביסל פון דעם האט זי זיך ערלויבט צו האלטן פאר זיך, כדי צו ערפילן איר ווייטע וואונטש וואס איז געווען באהאלטן אין איר הארץ.

די מיידל האט זייער גוט געוואוסט דעם באקאנטן כלל "אם אין אני לי מי לי...", און וויבאלד זי האט נישט געהאט קיין טאטע וואס זאל אוועקלייגן געלט פאר אירע חתונה-געברויכן, האט זי אליין געמוזט זארגן פאר זיך אליין...

ווי געזאגט, איר געהאלט איז געווען קליין און מאגער, און דער טייל וואס זי האט געקענט אפשיידן פאר איר צוקונפט איז געווען אסאך קלענער ווי דער טייל וואס זי האט אוועקגעגעבן פאר איר משפחה זיי זאל קענען עקזיסטירן. אזוי, אפילו נאך לאנגע יארן ארבעט, ווען זי איז אנגעקומען אין די יארן פון שידוכים האט זי נישט געהאט די סומע וואס עס פעלט אויס פאר א ערליכע אידישע טאכטער וואס וויל חתונה האבן מיט אן ערליכן חתן א ירא שמים.

געטרייע שדכנים האבן געקלאפט אויף איר טיר און פרובירט איר איבעררעדן זי זאל אננעמען פארשידענע פארשלאגן וואס האבן נישט געפאדערט קיין נדן, אבער זיי זענען ווייט געווען פון צו באפרידיגן איר שטארקע ווילן, אויפשטעלן א בית נאמן בישראל אויף ערליכע יסודות, און זיין א 'עזר כנגדו' פאר א בן תורה און א תלמיד חכם וואס זאל מקדיש זיין זיין לעבן "ללמוד וללמד, להבין ולהשכיל, לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתיך באהבה. און אזוי זענען אריבער נאך און נאך יארן און זי איז געבליבן עלנד - ווועלדיג א תלמיד חכם, עס זאל זיין וואס עס זאל נאר זיין!

איין טאג, ווען זי איז געזיצן אין איר צימער און געזאגט תהלים מיט געפיהל, איז מיטאמאל אויפגעקומען א מאדנע און אומגעווענליכע געדאנק: זי האט באשלאסן שרייבן א בריוו צום באשעפער, איר רחמנות'דיגער פאטער, און בעהטן זיין הילף.

דאס מיידל האט געוואוסט אז הקב"ה הערט צו יעדע תפילה און דארף נישט קיין בריוו, אבער טראץ דעם האט זי באשלאסן צו שרייבן דעם בריוו, טראכטנדיג אז אפילו אויב עס איז נישט וויכטיג צוליב איר תפילה, וועט עס זיין א גרויסע תועלת פאר איר, מיט דעם וועט זי אראפנעמען די לאסט פון איר ווייטאג, וואס אין לויף פון די יארן וואס זענען אדורך, איז עס געשוואלן געווארן מער און מער און איז איר שווער געווען צו טראגן.

אין לויף פון עטליכע שעה איז די מיידל געזיצן ביים טיש און געשריבן צום אויבערשטן אלע דעטאלן פון איר צושטאנד; זי האט ארויסגעברענגט אירע הויכע שטרעבונגען און איר אנטשלאסנקייט נישט אויפגעבן אויף זיי, זי האט דערציילט אירע פילע שוועריקייטן וואס זי האט איבערגעלעבט ביז יעצט, פון אנהייב די יארן וואס זי איז געווארן א יתומה ביז יעצט - ווען זי זיצט, ערוואקסן, עלנד און אליין. נאכדעם האט זי אראפגעלייגט אירע פיל תפילות זוכה זיין צו א מאן א תלמיד חכם, טראץ איר קליינע נדן, צו קענען גרינדן א בית נאמן בישראל.

זי האט פארענדיגט איר הארציגע בריוו מיט די ווערטער וואס זענען געשריבן געווארן מיט בלוט פון איר הארצן: "דו באשעפער, דער אבי יתומים ודיין אלמנות, דו טוהסט שפייזן די ארימע און דערהייבן די נידריגע, ביטע נעם אן מיין תפילה איך זאל טרעפן א פאסיגן חתן פאר מיר, כי בך לבד בטחתי. ביטע זעה איך זאל מיך נישט שעמען אויף אייביג!".

ווען זי האט פארענדיגט שרייבן דעם בריוו, האט זי געפילט א גרויסע פארגרינגערונג, די שווערע לאסט וואס זי האט געטראגן אין הארץ איז אראפ פון איר, און איז אריבער צו די פאפיר וואס איז געליגן פאר איר.

די בלעטער וואס זענען געווען אנגעפילט מיט געדיכטע שורות פון איר בלוט פון הארץ, האט זי אריינגעלייגט אין א לאנגע קאנווערט ווען אויף איין זייט האט זי געשריבן: "צו מיין פאטער אין הימל", און אויף די אנדערע זייט האט זי געשריבן איר נאמען און איר אדרעס אין די שטאט מיר.


די געביידע וואס האט געדינט פאר די מיר'ער ישיבה אין שטעטל מיר, בעלארוס.

די מיידל איז ארויס פון איר הויז צו די אפענע פעלדער ארום דאס שטעטל. א לייכטע הערבסט-ווינטל האט געבלאזן, און זי האט געווארט אז א ווינט זאל איר העלפן פארענדיגן איר אויפגאבע. די בריוו האט זיך געהאלטן לויז צווישן אירע פינגער, און ווען די ווינט האט זיך אנגעהויבן שטארקן האט זי אויפגעהויבן איר האנט און געעפנט אויף ברייט.

דער בריוו איז מיטאמאל געפלויגן צו דער אפענער לופט, זיך אויסגעמישט מיט די ווינט און זיך געהויבן אויף ארויף. א לאנגע מינוט האט זי צוגעקוקט ביז די בריוו איז פארשווינדן געווארן אין דעם ווייטן האריזאנט.

עטליכע טעג שפעטער איז יצחק יחיאל דאווידאוויץ, איינער פון די אויסגעקליבענע בחורים פון די בארימטע מיר'ער ישיבה, ארויסגעגאנגען פארנאכט אויפן פעלד. ער איז געווען פארטיפט אין א שווערע און קאמפליצירטע סוגיא, און האט געהאפט אז אין דעם אפענעם פלאץ וועט ער באקומען א קלארקייט וואס וועט אים צופירן צו פארשטיין דעם ענין.

ער איז געגאנגען פאמעליך, ווען זיינע ליפן מורמלען תורה, און מיטאמאל האט זיין בליק באגעגנט א ווייסן קאנווערט וואס איז געווען אראפגעווארפן אין דער זייט פונעם וועג.

'אפשר האט מען מיך מזכה געווען פון הימל מיט די מצוה פון השבת אבידה?!' - האט דער בחור געטראכט אין הארצן, און זיך אראפגעבויגן אויפהייבן דעם קאנווערט, ער האט געקוקט אויף די אדרעס וואס איז געווען אויף איר אויפגעשריבן און איז איבערראשט געווארן אז דער נאמען איז נישט קיין אנדערער ווי "מיין פאטער אין הימל".

דער בחור האט זיך געקווענקלט צי ער מעג עפענען דעם בריוו, אין זיין למדנ'ישן מח האט ער געהאט סברות אזוי און אזוי, ענדליך האט ער באשלאסן עס עפענען. מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם האט ער געלייענט די אינהאלט פון בריוו, זיין הארץ האט מיטגעפילט ווייטאג אין די ווייטאג פון די מיידל, און טרערן זענען גערינען פון זיינע אויגן.

דער בחור האט נאכאמאל געליינט דעם בריוו. די ווערטער וואס זענען געשריבן האבן גערעדט פאר זיך, און האט פארשטאנען אז עס איז נישט קיין אומזיסטע זאך אז פון אלע איינוואוינער פון מיר, אידן און גוים, האט מען פון הימל צוגעפירט אז די בריוו זאל אנקומען צו זיינע הענט, און האט באשלאסן זיך צו בעראטן מיט זיין רבי'ן.

מיט א ציטערדיגן האנט האט ער איבערגעגעבן דעם בריוו צו זיין הויכגעשעצטן ראש ישיבה. דער ראש ישיבה האט געקענט די גוטהארציגע מיידל און די יחוס פון די משפחה, און האט אויך צוגעשטימט צו דעם בחור'ס געפיל, אז זי איז די באשערטע פאר אים פון הימל. כאטש זי איז עלטער געווען פון אים מיט זעקס יאר, איז דער קליינער דעטאל נישט געווען גענוג א סיבה צו אפשוואכן דעם קלארן אנזאג וואס איז געשיקט געווארן פון הימל - א דאפלטע באדייט - און אין א קורצע צייט שפעטער האבן זיי אויפגעשטעלט א בית נאמן בישראל.

טרערן פון פרייד האבן פארפלייצט די כלה'ס אויגן ווען זי איז געשטאנען אונטער די חופה, יא, איר בריוו האט דערגרייכט דעם ריכטיגן אדרעס און זי האט זוכה געווען אויפשטעלן א שטוב מיט אן חשובער בן תורה אזוי ווי זי האט געשטרעבט.

אזוי ווי זי האט זיך געוואונטשן, עס איז נישט אריבער אסאך צייט און איר מאן רבי יצחק יחיאל איז אויסגעוואקסן גרויס אין תורה און אין יראת שמים, און איז אויפגענומען געווארן צו דינען אלס מנהל רוחני אין די מינסק'ער ישיבה, און אויך האט זוכה געווען אוועקשטעלן גרויסע תלמידים אין תורה און אין יראה - צווישן זיי דער באקאנטער גאון רבי יעקב קאמינעצקי זצ"ל, וועלכער האט יארן שפעטער דערציילט די וואונדערליכע מעשה פאר זיינע מקורבים, ויהי לפלא.

## נייינציג אמנים אין א טאג

### זאגן ברכות השחר צוזאמען

**כדי צוקומען צו די צאל פון נייינציג אמנים וואס די חכמים האבן באשטימט, האט מען זיך געפירט צו זאגן צוזאמען די ברכות השחר אין שוהל, אויף דער וועג, אז איינער זאגט הויך און די חברים ענטפערן אמן אויף זיינע ברכות, און דערנאך איינער פון די וואס האבן געענטפערט שטעלט זיך זאגן די ברכות און די חברים ענטפערן אמן, און אזוי טוהן אלע מיטגלידער איינער נאכן אנדערן.**

#### מקורות וביאורים:

דער מנהג ווערט געברענגט אין 'שלחן ערוך' (או"ח ו ד), און דער 'שערי תשובה' (שם ו) שרייבט אז דער מנהג איז באנייט געווארן אין די צייטן פון 'בית יוסף'. און זעה אין שו"ת מבי"ט (סי' קפ) אז דער מנהג איז געגרינדערט געווארן דורך רבי ישראל די קוריאל, פון די גדולי צפת אין די צייטן פון 'בית יוסף'. און דער יסוד פון דער מנהג ערקלערט דער 'מגן אברהם': "עס זעהט מיר אויס צו זאגן אז זיי טוהן אזוי כדי צו ענטפערן נייינציג אמנים", און דער 'שו"ע הרב' (שם ט) און דער 'משנה ברורה' (שם יג) ציטירן אט די ווערטער. דאס וואס עס פעלט אויס משלים זיין די צאל פון נייינציג אמנים דורך הערן ברכות השחר, לערנט אונז אז לויט זייער מיינונג די צאל פון נייינציג אמנים וואס די חכמים האבן באשטימט איז געזאגט געווארן אויף אמנים וואס ווערן געענטפערט אויף ברכות, און מען דארף ענטפערן נייינציג אמנים אויף ברכות אויסער די אמנים וואס מען ענטפערט אויף קדיש. און טאקע אזוי, אין א ענטפער פאר איינער וואס האט אים געפרעגט וויאזוי קען מען דערגרייכן יעדן טאג צו די צאל פון נייינציג אמנים אויף ברכות, שרייבט הרמ"ע מפאנו (בשו"ת, סי' קיט): "ווי גוט וואלט געווען מען זאל איינפירן אז דער שליח ציבור זאל זאגן הויך די ברכות השחר, און די וואס ענטפערן זאל אינזין האבן נישט יוצא זיין די חוב פון די ברכה. און נישט נאר דאס, נאר אויך די וואס שלאפן אין איין צימער, צ.ב.ש. 'ציפי דבי רב' [תלמידי חכמים וואס שלאפן אין בית המדרש, ראה ברכות כה ב, ורש"י שם ד"ה ציפי] זאלן אויפשטיין פרי אז יעדער זאל זאגן און די חברים זאלן ענטפען אמן, און נאכדעם זאלן זיי גיין אין בית המדרש. און דער וואס זאגט פריער אליין און נאכדעם זיין פרוי מיט די גרויסע און קליינע קינדער זאגן אויף דעם סדר, "אין לך רעים אהובים יותר מאלה", און דאס זעלבע די וואס זאגן די ברכות אין שוהל איינער נאכן צווייטן צו מזכה די רבים זאלן ענטפערן אמן צוזאמען", און דער 'מגן אברהם' (שם) צייכנט צו אט די תשובה.

אין פירוש הרמ"ז אויפן זוהר (וילך רפה א) איז ער מדייק פונעם לשון הפסוק (ישעיה כו ב): "שומר אמונים", אז פון אלע דברים שבקדושה וואס די חכמים האבן קובע געווען זאגן יעדן טאג דארף מען אפווארטן נאר אויף אמן [זעה רש"י אין בראשית לז יא אז די ווארט "שמר" אין דער פסוק ווערט פארטייטש פון לשון ווארטן]. ווייל כדי צו דערגרייכן צו די ציפערן וואס די חכמים האבן געזאגט אויף די אנדערע דברים שבקדושה: מאה ברכות, ארבעה קדושות, און עשרה קדישים, דארף מען זיך נישט באזונדער אנשטרענגען, נאר יעדער וואס דאוונט יעדן טאג דריי תפילות מיט א מנין, דערגרייכט געוועגליך צו געפאדערטע סומע. און דער הרמ"ז ענדיגט אז צוליב דעם פירט ער זיך ווי עס שטייט אין שו"ע צו זאגן צוזאמען די ברכות השחר יעדן טאג, און לייגט צו אז דער מנהג איז א "מנהג ותיקין בארץ ישראל". דער מנהג האט צושפרייט איבעראל, אזוי ווי דער חיד"א שרייבט (ברכי יוסף' או"ח תרעז ב): "און ווי באקאנט האט זיך צושפרייט דער מנהג אין די שטעטלעך און אין די גרויסע שטעט".

אין 'הגהות בני אבא' אויפן ספר 'פתורא דאבא' פון מהרח"ו (ענין ברכות השחר אות ו) שטייט אז אויך אויב מיר האלטן אז א אמן וואס ווערט געענטפערט אויף קדיש איז אריינגערעכנט אין די צאל פון די נייינציג אמנים, דארף מען נאך אלץ אכטונג געבן אויף דער מנהג, ווייל די סומע פון נייינציג אמנים דארף מען ענדיגן בעפאר שמונה עשרה פון שחרית, און עס איז נישט פארהאן קיין שום אנדערע וועג נאר דורך אנהאלטן דער מנהג.

רבי חיים וויטאל איז מעיד אויף זיין רבי דער האר"י הקדוש אז ער פלעגט פארמערן צו ענטפערן אמן נאך די מענטשן וואס האבן געזאגט ברכות השחר אין שוהל, און אזוי שרייבט ער: "וכשהיה בבית הכנסת, והיה איזה אדם מברך ברכות השחר, היה יושב ושומע ועונה אמן, ואף אם היה באמצע התפילה היה פוסק ושותק ועונה אמן, ואפילו אם היו המברכים רבים" ('פרי עץ חיים' שער הברכות פרק ד, וראה שם שנראה מדבריו שהמברכים בבית מדרשו של האר"י היו מברכים בפניו אף 'ברכות התורה'). דער מקובל רבי מאיר פאפירש ברענגט אויך די מנהג פון דער אר"י הקדוש ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר פון אסאך מענטשן, אבער ער רעכנט אויס אז "אפילו היו [די מברכים] מאה היה עונה אמן אחריהם" ('אור צדיקים' ו ב, וכן העתיק ב'שערי תשובה' או"ח ו ה). צוליב דעם פסק'נט הר"מ פאפירש: "דער וואס הערט ברכות השחר דארף ענטפערן אמן, אפילו ער האט זיי געהערט הונדערט מאל" ('אור הישר' עמוד העבודה ז יא).

אבער אין שו"ת מהרשד"ם (או"ח סי' א) און אין שו"ת המבי"ט (סי' קפ) זענען זיי מערער אויף דער מנהג און שרייבן אז אויב עס נעמען זיך צוזאם עטליכע מענטשן זאגן צוזאמען די ברכות, ענדערשט זאל איינער זאגן די ברכות און מוציא זיין די איבריגע. לויט זייער מיינונג יעדער וואס הערט א ברכה פון זיין חבר און זאגט עס שפעטער איבער טראץ ער האט עס געקענט יוצא זיין מיטן הערן, איז עס א "ברכה שאינה צריכה". און זעה אז דער 'שערי תשובה' (שם ו) איז חושש אויף זייערע ווערטער און בלייבט אז לכתחילה זאלן זיך נישט צוזאמנעמען די מענטשן צוזאמען, נאר יעדער זאל זאגן די ברכות אויף זיין פלאץ.

און אויסער וואס דער 'שלחן ערוך' פסק'נט נישט אזוי, ברענגט שוין דער 'משנה ברורה' אין נאמען פון שו"ת 'תשובה מאהבה' (ח"ב סי' ריב) אז היינט וואס מיר פירן זיך נישט יוצא זיין די ברכות השחר מיטן זיי הערן פון שליח ציבור, איז זיכער אז לויט אלעמען דארף מען חושש זיין א "ברכה שאינה צריכה" מיטן אנהאלטן דער מנהג.

און דער 'פרי מגדים' (סי' ו א"א ט) שרייבט אז עס איז ראוי אז נאר דער ש"ץ זאל זאגן הויך די ברכות השחר און דער גאנצער ציבור זאל ענטפערן אמן. אבער זעה אין שו"ת 'דברי ישראל' (או"ח סי' כ) אז דער וואס וועט גוט נאכקוקן זיינע ווערטער וועט זעהן אז ער מיינט צו רעדן אויף די וואס ווילן זיך פירן ווי דער מנהג הקדמונים, נאר אז די יונגע וואס האבן נישט אינזין פארן אויבערשטנ'ס נאמען זאלן זאגן הויך די ברכות, און מיט דעם שטערן די דאווענען. פון דעסטוועגן שרייבט שוין דער 'משנה ברורה (שם יג) אז די וואס פירן זיך אז יעדער איינציגער פון דער ציבור זאגט הויך די ברכות, האבן זיך אויף וועמען צו פארלאזן.

עס איז באקאנט אז אסאך פון די גדולי ישראל האבן זיך געפירט צו מקפיד זיין אויף די הנהגה, און אויך דער בעל 'שבט הלוי' אין זיינע ווערטער וואס ער האט געזאגט פאר די פארזאמלטע ביי א צוזאמקום אויף חיזוק פון ענטפערן אמן וואס איז פארגעקומען חודש אלול תש"ע, האט ער זיך באצויגן צו דער מנהג פון זאגן ברכות השחר בחברותא, און אזוי האט ער געזאגט: "עס איז א אור-אלטער מנהג ישראל, צו זאגן אלע ברכות השחר בציבור. אויך די ברכות בעפאר די ברכה 'הנותן לשכוי בינה' און ווייטער. דער גאנצער ציבור פלעגט זאגן די ברכות צוזאמען, איינער האט געזאגט און זיין חבר האט געענטפערט אמן, און נאכדעם האבן זיי זיך געטוישט, דער צווייטער האט געזאגט ברכות און דער ערשטער האט געענטפערט אויף זיינע ברכות. דער מנהג איז פארגעסן געווארן אין די לעצטערע צייטן, און אונזער חשובער ידיד הרב יעקב דוב מארמארשטיין הי"ו, האט זוכה געווען זיך אנכאפן אין די עץ החיים פון מזכה זיין די רבים, מיט זיינע פעולות מחזק זיין דאס ענטפערן אמן, און וויל אויפלעבן און גרינדן פון דאסניי דער אור-אלטער מנהג, אין א בחינה פון 'שכחום וחזרו ויסדום' (שבת קד א)". אויך בעל 'אילת השחר' האט איינגעפירט דער מנהג ביי די מנין וואס איז פארגעקומען אין זיין שטוב ('נוטרי אמן' ח"ב עמ' 26).

# שערי ישועה

## די סגולה פון ענטפערן אמן

## — א מסירות נפש וואס האט געראטעוועט א צווייטע נפש —

**אט די רירנדע געשיכטע איז דערציילט געווארן דורך רעביצין קאניעווסקי ע"ה ארום דריי וואכן בעפאר איר פטירה, אין א זעלטענע און ספעציעלע שמועס וואס זי האט איבערגעגעבן פאר הונדערטע מחנכות, אין א צוזאמקום פון חיזוק און התעוררות וואס איז ארגאניזירט געווארן דורך 'בני אמונים' אין חודש אלול תשע"א (הובא גם בהגש"פ 'חשוקי חמד' עמ' שסז).**

די מעשה האט פאסירט אין א הויז פון איינע פון די חשוב'ע פאמיליעס אין אמעריקע, וואס האט איבערגעלעבט א שרעקליכע טראגעדיע ווען די מאמע פון די פאמיליע אין נפטר געווארן אין א יונגן עלטער, איבערלאזנדיג נאך זיך יונגע יתומים, טייל פון זיי גאר קליינע קינדער שלא טעמו טעם חטא.

נאך די שבעה האבן זיך צוזאמגענומען אירע קינדער און געוואלט זיך אונטערנעמען א ספעציעלע חיזוק לעילוי נשמת זייער מוטער. יעדער קינד האט אין זיין רייע געמאלדן אויף די ספעציעלע קבלה וואס ער האט זיך אונטערגענומען לזכות פון די מאמע די צדיקת. און ווען עס איז געווען די רייע איינע פון די יונגערע מיידלעך, זענען אלע איבערראשט געוואָרן צו הערן די ספעציעלע און אויסערגעווענליכע קבלה וואס זי האט זיך אונטערגענומען: נישט זאגן קיין שום ברכה אן עס זאל זיין עמיצער וואס זאל ענטפערן אמן!

ס'איז א ספק צי די מיידל האט געוואוסט ווי חשוב איז איר קבלה אין די ווערטער פון די פוסקים (זעה רמ"א או"ח קסז ב). ס'איז א ספק צי זי האט געהערט פון די גדולי ישראל וואס האבן מקפיד געווען אויף דעם. אבער ס'איז נישט קיין ספק, אז זי איז געשאנקען געווארן פון הימל מיט באזונדערע כוחות הנפש. איר משפחה וואס זענען געווען זיכער אז זי וועט נישט קענען שטיין אין איר קבלה, זענען איבערראשט געווארן צו זעהן ווי זי האלט עס אן מיטן גאנצן ערנסטקייט, און אין לויף פון עטליכע חדשים האלט זי דאס איין מיט גרויס ערפאלג.

איין נאכט האט די מיידל זיך געטראפן שטיין פאר זייער א שווערער נסיון; אינמיטן נאכט האט זי זיך אויפגעכאפט פון איר שלאף ווען זי פילט א שטארקע דארשט אין איר האלדז. זי האט געדארפט שטילן איר דארשט מיט אביסל וואסער, אבער זי איז געצווינגען געווען זיך פארמיידן דערפון נאכדעם וואס זי האט נישט געהאט עמיצער וואס זאל ענטפערן אמן אויף איר ברכה. אלע זענען געשלאפן, און זיי אויפוועקן איז איר נישט איינגעפאלן.

דער דארשט איז געווארן שטערקער און האט איר זייער געפייניגט, און מיט א דערהויבענע העלדישקייט וואס מען טרעפט נישט אין קינדער פון איר עלטער, האט געווארט. אין הארצן זענען שוין ארויפגעקומען מחשבות פון אויפגעבן... נאר דאס מאל... אבער זי איז בייגעשטאנען די נסיון מיט א העלדישקייט, און זי האט זיך צוריקגעקערט צו איר בעט, ווען איר האלדז איז אויסגעטרוקנט פון א שטארקן דארשט.

נאך עטליכע מינוט איז די מיידל איינגעשלאפן, און אט זעהט זי א חלום... אין איר חלום זעהט זי איר מאמע ע"ה ווען איר פנים שטראלט: "מיין טאכטער", האט זי איר געזאגט, "זאלסט וויסן וויפיל האט אויפגעטוהן אין הימל דיין שטארקייט! איך האב באקומען א ערלויבעניש דיר צו אנטפלעקן אז די זכות האט זייער געהאלפן פאר כלל ישראל, און האט אויך מצליח געווען צו פויעלן א ישועה אקעגן די טבע פאר דיין חבר'טע וואס איז קראנק...".

'מיין חבר'טע וואס איז קראנק?', האט דאס מיידל געטראכט בשעת'ן חלום, זי האט נישט געוויסט וואס מען רעדט. און די מאמע האט דערציילט פאר איר איבערראשנדע טאכטער, אז די חבר'טע פון איר קלאס, איר בעסטע פריינד, איז שוין קראנק א שטיק צייט אויף די ביטערע קרענק אן מען זאל וויסן פון דעם. - "דערצייל ביטע פאר די עלטערן פון דיין חבר'טע" - האט די מאמע געבעטן - "אז א דאנק דיין התחזקות צו שטיין אין די קבלה, איז זייער טאכטער געזונט געווארן פון איר שווערע קראנקהייט און מער דארפן זיי זיך נישט זארגן איבער איר צושטאנד...".

די מיידל איז אויפגעשטאנען צוטרייסלט און דערשראקן, זי האט נישט געהאט קיין שום ספק אין דעם. זי האט זיך קוים געקענט איינהאלטן ביז אינדערפרי פון רופן צו די הויז פון איר חבר'טעס עלטערן זיי צו דערציילן דעם חלום אזוי ווי איר מוטער האט געבעטן.

זיבן אזייגער אינדערפרי, זענען די עלטערן פון די חבר'טע געווען איבערראשט צו הערן ווי דער טעלעפאן קלינגט. זיי זענען געווארן נאכמער איבערראשט צו הערן די געשיכטע פון די מיידל די יתומה. א געשיכטע וואס האט אויסגעזעהן צו זיין אמת. כאטש זיי האבן ביז יעצט פרובירט באהאלטן די קראנקייט פון זייער טאכטער, זענען זיי יעצט געצווינגען געווארן צו מודה זיין און דערציילן מיט א שטילן טאן פאר איר חבר'טע אז שוין עטליכע וואכן קומט און גייט זייער טאכטער פון שטוב צום שפיטאל צוליב א ערנסטע קראנקהייט וואס איז אנטדעקט געווארן אין איר קערפער.

די דאקטוירים האבן פאראויס געזאגט נישט גוטע זאכן, און א טייל פון זיי האבן געזאגט אז אירע טעג זענען געציילטע. יעצט האט דער וואונדערליכער חלום ארייגעבלאזן א גייסט פון האפענונג אין די אנגעווייטאגטע עלטערן. און טאקע אזוי, נישט א לאנגע צייט נאך דעם, איז די מיידל אינגאנצן אויסגעהיילט געווארן פון איר קראנקייט און איז צוריק אין שולע געזונט און שטארק.

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

## דער 'בני שלשים' פון קאסאן

### כ"ג חשון תרע"ב


די מצבה פונעם ערשטן קאסאנער רבי בעל 'בני שלשים'

רבי יהוסף ראטענבערג איז געבוירן אין יאר תרי"ג, צו זיין פאטער רבי צבי פון טויסט וואס איז געווען א אייניקל פון הרה"ק רבי צבי הירש פון זידיטשויב. שוין אין זיין יוגנט איז זיין נאמען באקאנט געווארן אלס א עילוי און אין עלטער פון דרייצן יאר איז ער געווארן א חתן מיט די טאכטער פון רבי משולם פייש פון טאהש. נאך די הסתלקות פון זיין שווער אין יאר תרל"ג, האט ער ערפילט זיין ארט אין די רבנות פון טאהש, און נאכדעם האט ער געדינט אלס רב אין דעברעצין.

ער האט זיך געווייקט ביי זיין פעטער האדמו"ר רבי יצחק אייזיק'ל פון זידיטשויב, און אויך ביים 'דברי חיים' פון צאנז, און ביים 'ייטב לב' פון סיגעט. אין יאר תרנ"ז איז ער געקרוינט געווארן אלס רב פון קאסאן, ווי דארט האט ער אנגעהויבן פירן א רעביסטעווע און געגרינדערט די קאסאנער קייט. ער האט געשריבן אסאך חידושים וואס רוב פון זיין זענען פארלוירן געווארן ביי די צווייטע וועלט'ס קריג, און עס איז נישט איבערגעבליבן פון אים נאר זיין ספר 'בני שלשים'.

ער איז נפטר געווארן כ"ג חשון תרע"ב און איז באערדיגט אויפן בית החיים אין קאסאן

## שערי גן עדן

די חכמים (שבת קיט ב) האבן צוגעזאגט א באזונדערע און וואונדערליכע שכר פאר די וואס זענען מקפיד ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין: "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן", שנאמר (ישעיה כו ב): 'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים', אל תיקרי 'שמר אמנים' אלא שאומרים אמן".

אין פסוק שטייט נאר: "פתחו שערים", און פון וואו האבן די חכמים געוואוסט אז די כוונה איז אויף די שערי גן עדן? ערקלערט דער 'בני שלשים' אז זיי לערנען דאס פון דעם וואס די ווערטער "אמן בכל כחו" איז בגימטריה "גן עדן" ('ליקוטי בני שלשים' עמ' קעד).

## חיי עולם הבא

אויף די פראגע פון וועלעכע עלטער איז א קליין קינד וואס איז נפטר געווארן זוכה צו חיי עולם הבא, ענטפערט דער תנא רבי מאיר (סנהדרין קי ב): "משעה שיאמר אמן". א רמז אויף דעם - זאגט דער קאסאנער רבי - טרעפן מיר אין די רייד פון יוסף צו זיינע ברידער (בראשית מב ב): "וְאֶת אֲחִיכֶם הַקָּטֹן תָּבִיאוּ אֵלַי וְיֵאָמְנוּ דִבְרֵיכֶם"; אין וואספארא זכות וועט "אחיכם הקטן" זוכה זיין קומען "אלי" אין עולם הבא? אין זכות פון: "ויאמנו דבריכם" - וואס מען לערנט אים אויס ענטפערן אמן ('ליקוטי בני שלשים' מקץ).